






# ספר

# חֵלב יצה"ד

חלק ח



**אור הזוהר** 452 ★ כסליו תשע"ד

**מפעל הזוהר העולמי**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911




גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש



**טארטיקאווער רב שליט"א** - וז"ל עס איז דאָ צו האנדלען צוויי זאכען, ערשטענס בכלל צו מ'זאל בלייבען ביי די אלטע מנהגים אָדער מאכען שינויים, און בפרטיות אז קיין שום בוטשער סטאר אן א השגחה... מ'זאל אַרויס געבען א שטרענגער קול קורא וכו' למשל עס איז דאָ בוטשערס, ביי מיר אין בית המדרש אַליין פלוצלונג ווערט ער א בוטשער אן א השגחה און אן גאָרנישט וואָלט מען געדארפט פון דעם אסיפה ארויסקומען מיט א שארפע אויסרוף אז אן א השגחה טאָר מען נישט פארקויפען קיין פלייש, און מ'זאל זעהן צו פארהערען אַזוי ווי א שוחט, וועגן די פראבלעמען. וכו'. (דאָ זעהט מען קלאָר אז עס איז דאָ פראבלעמען ווייל וועגן שינויים און מנהגים מאַכט מען נאָך נישט קיין שטרענגער קול קורא און א שארפע אויסרוף).

**מאַנטעווידעא'ר רב שליט"א** - אין דער גאס האָט זיך לעצטענט פארשפרייט אן א שיעור פּאַשקעווילן ווייל א זאַך וואָס קומט אן איין אבסענדער איז א פּאַשקעוויל וועט מען אוודאי מיינען אז צו די רבנים קען מען אנדערש נישט רעדען נאר מוז מען קודם דער גאַנצער וועלט פול מאכען מיט פּאַשקעווילען, נאָך דעם קומט מען זיך צוזאם.[סח] דריי אָדער פיר יאָר צוריק איז שוין דאָ, איז דאָ געווען דער מלאכי וכו' אנדער האלב יאָר צוריק איז ר' זלמן בריזעל'ס איידים געקומען צו מיר אז מ'עסט חֵלב, מ'זאל איבער קערען דער וועלט, איך האָב עם געזאָגט נעמטס א מנקר פון א"י, די שפעזען וועט מען צוזאַמען שטעלען און לאָמיר רעדען[סט] דער סקווערער רב האָט אַריין געשיקט א בריעף פאר דער אסיפה גדולה אז אַזוי ווי עס האָט זיך אין מאנסי באזעצט א מנקר פון א"י און ער האָט געטראפען דאָרט ביי די קצבים א געוויסער זאַך וואָס מ'האָט זיך נישט געכאַפּט[ע] מ'האָט שוין גערעדט פון דעם אז מ'זאל מאכען א תיקון[עא] אז טרעפט זיך אמאהל אז צום חלק פנים, אַזוי ווי אין דערויסען שניידט דאָס א גוי נישט א יוד, און לכתחילה דארף מען שניידען דעם חלק הפנים ביז צום טבור טרעפט זיך אַמאָל אז מ'לאסט נאָך אביסעל, עס איז געווען קצבים וואָס האָבען זיך נישט געכאַפּט אויף דעם, אַזוי איז געווען געשריבען אין בריעף[עב] איך בין דאָרט אראפגעפארען קיין סקווער און ער האָט מיר געוויזען אז עס קען אמאהל אַריין קומען צוויי אָדער דריי אינטשעס און עס איז דאָ קצבים וואָס ווייסען נישט דער פון.[עג] מ'האָט געמאַכט איין אסיפה אין תמוז קלאָר צו ווערען אין דעם ענין[עד] נאָך א זאַך איז נתברר געווארען ביי די אסיפה פון די מנקרים אז סוף כל סוף, דער זאַך איז אַזוי[עה]

---

**סח)** עס איז אמת אז מ'קען נישט רעדען מיט דער רבנים, און די מאנטאווידיע רב אַליין האָט מודה געווען צו דעם מיט דעם קול קורא וואָס ער מיט דעם אודוואריער רב האָבען געמאַכט.

**סט)** דער עולם ווייסט דעם אמת פאַרוואָס די מנקרים פון א"י זענען נישט געקומען.

**ע)** מנהגים מיינט ער? אוודאי נישט!!! ער מיינט פשוט חֵלב.

**עא)** איז קלאָר אז עס איז דאָ חֵלב.

**עב)** עס טרעפט זיך ליידער מעהרערע מאָל.

**עג)** וויפיל קצבים זענען אין גאַנצן דאָ.

**עד)** פון דעם זעהט מען קלאָר אַז די רבנים האָבען שוין געוואוסט לכל הפחות עטליכע חדשים פריער, ממילא וואָס שרייט סיגעטער רב שפּעטער אז מ'האָט נישט געוואוסט?

**עה)** זייט מדקדק אין ר' אברהם לייטנער'ס ווערטער.



דאָס ענין פון ניקור, אז דער לעצטער 30 יאָר, לאָמיר אַליין מודה זיין[עו] אז ביז עס איז געווען אביסעל התעוררות... בדרך כלל האָט מען נישט געוואוסט דער ענין פון ניקור, און די אַלע מנקרים... אַזוי איז געווען דער סדר מ'קען דאך נישט גיין צן א רב לערנען ניקור, האָט זיך איין מנקר געלערנט ביים צווייטען,[עז] איז ממילא האָט געקענט אויסקומען פארשידענד זאכען[עח] איך האָב אַליין געטראפען מנקרים וואָס געוויסע זאכען האָבען זיי נישט געהאפט. דאָס האָב איך אַליין געטראפען עטליכער מנקרים, איך מיין עטליכער פון די קצבים[עט] וואָס זיי האָבען זיך נישט געכאַפּט אז מ'לאזט צו אביסעל דארטען נאכען טבור, אַזוי ווי מיר האָבען געזאָגט אז עס איז נישט געגאַנגען אונטער די השגחה פון קיין רבנים, דעם לימוד.[פ] [דער ווינער רב זאָגט אז מענדל בערגער[פא] האָט עם געזאָגט אז עס איז קיין מאָל נישט אַריין געקומען צו וויינשטאק, און ר' אברהם זאָגט פאר עם אז עס איז נישט אַזוי][פב] דאָ הייסט דאָס גראבער טענדערליין, און דאָרט צום סוף איז צו געטשעפּעט א שטיקעל חֵלב און דאָס איז חֵלב לכל הדעות חֵלב דאורייתא און אין גבעת פנחס איז עס נישט דערמאנט, אין אונגארן איז געווען דער סדר אז מ'האָט דאָס נישט גענוצט, האלט איך אז דאָס איז געווען דער סיבה פון אַזעלכע וואָס ווייסען נישט דערפון, ווייל געוויינטלעך אונזערע מנקרים האָבען געלערענט דעם ספר[פג] און אויך איז נישט דעמאנט אין גבעת פנחס אז פון כבד דארף מען אראפ נעמען דער חֵלב האָט זיך אויך געטראפען אזעלכע, וואָס זיי האָבען זיך אויף דעם נישט געכאפּט[פד].

**דאָס** איז געווען פאר דער זומער, האָט מען געטראכט אז מ'וועט זוכען עפּעס איין עצה מ'קען דאך נישט א ארבים'דיקע זאַך אין איין טאג ערליידיגען[פה] דאָס וואָס זיי שרייבען אין ירושלים אז בדרך כלל אז דער סדר הניקור איז נישט גוט האָב איך געהאלטען אז דאָס האָט נישט קיין מקור[פו]. איך בין צוריק געקומען פון א"י און מ'האָט געוואוסט אז די פאר פראבלעמען זענען דאָ, מ'האָט געוואוסט פון דעם אָבער עכ"פ עס איז נישט אַזאַ זאַך וואָס ברעננט אַזוי, אז דער סדר איז עכ"פ לויט אַסאַך שיטות אויסגעהאלטען איז צייט נאָך יו"ט[פז] און דאָס האָט מען אויך געזעהן אז מחמת דעם אז עס איז נישט דאָ קיין קבלה פאר די מנקרים קען זיין געוויסער מנקרים וואָס געוויסער זאכען אפשר ווייסען זיי נישט אין עס נישט אזאך וואָס מ'דארף תיכף גיין שרייען אז עס איז עק וועלט[פח] מ'האָט געהאט א פּלאַן תיכף נאָך יו"ט וועט מען זיך אוועק זעצען.[פט] איך האָב מיך איבער געצייגט אז דער סדר איז גוט[צ] פּאַרלאָזט מען זיך אויף די רבנים המשגיחים[צא] געוועגטלעך אז דער סדר איז גוט און די רבנים המשגיחים זאָגען אז עס איז כשר קען מען זיך פּאַרלאָזען. (???). איך האָב באַקומען טעלעפאן קאלס נישט איינס און נישט צוויי פּאַרוואָס איך שווייג שטיל, איך מוז נישט טוהן אַזוי ווי אין ירושלים, מ'רופט מיך אַז מ'האָט געטראפען פלייש, אויף דער גראבער טענדערליין האָט מען געטראפען דעס, מען האָט געטראפען יענס, איך ווייס נישט וואָס דו האסט געטראפען איך קען נישט זיין קיין בעל אחראי אויף וואָס מען טרעפט נאר איך בעט אז עס זאל קומען א מענטש און ברענגען דער שטיקעל פלייש און זאָגען אז ער האָט דאָס געקויפט דאָ און דאָ בין איך גרייט צו גיין צו דער רב המכשיר, און איך וויל טוהן[צב] פריער האָט מיר געברענגט א יוד אשטיקעל

---

**עו)** עס קומט אַ דאַנק פאַר ר' אברהם וואָס ער איז מודה על האמת, און זאָלען די אַנדערע רבנים אויך מודה זיין און נישט דערלאָזען, אַז כלל ישראל זאָל עסען חֵלב, דאָס איז נישט דער ריכטיגען דרך צו באַהאַלטען אַז עס איז דאָ חֵלב, מ'דאַרף מודה על האמת זיין און נאָך דעם פאַררעכטען, אַזוי איז אַלע מאָל געווען ביי די גדולי ישראל, כבוד הרבנים איז טאַקע אַ גרויסער ענין אָבער שמירת התורה איז גרעסער.

**עז)** דאָס הייסט אַז קיינער פון די בוטשערס היינט קען נישט קיין ניקור, ממילא איז דאָ ר"ל ממש חֵלב.

**עח)** דאָס הייסט חֵלב ר"ל.

**עט)** ווייל עס זענען נישט דאָ קיין מנקרים.

**פ)** נאָך אַמאָל זעהט מען אַז עס איז דאָ ממש חֵלב און דער פּראָבלעם איז נישט נאָר וועגן דעם צלע י"ב וי"ג.

**פא)** א קצב.

**פב)** די רבנים קריגען זיך איבער א מציאות.

**פג)** פארשטייט מען ליידער ווי אַזוי עס ווערט פארקויפט חֵלב ר"ל.

**פד)** ווי אַזוי קען מען נאָך אַזאַ אסיפה זאָגען אז עס איז נישט דאָ קיין יסוד לערעורים הללו.

**פה)** ר"ל שומו שמים מ'לאָזט יודען עסען חֵלב!!! מ'דאַרף אויס רופען נישט צו עסען די פלייש דאָס דויערט 5 מינוט! אפילו נישט איבער נאכט!!!

**פו)** וואָס פאַר אַ סדר הניקור איז דאָ? עס איז נישט דאָ קיין סדר, דאָס זעהט מען קלאָר.

**פז)** דערווייל זאָלן יודען עסען חֵלב???

**פח)** אויב איסורי דאורייתא און חיובי כרת ר"ל איז נישט עק וועלט, וואָס דען איז עק וועלט?

**פט)** די געפילען אפילו פון די רבנים זענען שוין געשטארבען.

**צ)** וועלכער סדר?

**צא)** שפּעטער וועט מען הערען פון די רבנים אַליין אַז זיי קענען נישט קיין ניקור און זיי ווילען אויסלערנען, און דערווייל זאָל מען זיך פאַרלאָזען אויף זיי???

**צב)** ר' אברהם איז דן די פּראָבלעם פון חֵלב אַזוי ווי אַ דין תורה פון געלט, ער פּסק'נט המוציא מחבירו עליו הראי', אַז מענטשען זאָגען אַז עס איז דאָ חֵלב מוז'ן זיי ברענגען דאָס פלייש צו מיר, עס איז נישט גענוג אַז איך ווייס אַז עס איז דאָ חֵלב נאָר צייג מיר איבער. אַ אמת'דיגער ערליכער רב וואָלט געדאַרפט דערציטערט ווערן ווען מ'הערט אַז אפשר איז דאָ חֵלב און כל שכן אויב מ'ווייסט טאַקע אַז יאָ.







גראבער טענדערלוין אין דאָרט צום סוף איז געווען צו געלאזט אשטיקל חֵלב הכליות... עס קען פאסירען וועגן דעם זיצט מען דאָ און אויף דעם טראכט מען.[צג] איז קודם איז דאָ א פּראָבלעם וועגן סדר הניקור... נאָך דעם איז דאָ דער שאלה וואָס מ'טיעט וועגן דעם, לדעתי בלי שום ספק אז עס איז דאָ געוויסע וואָס זענען עוסק אין ניקור וואָס זיי ווייסען נישט געוויסע זאכען[צד].

**נירבאַטיר רב** - איין פראַגע וויל איך פרעגען, דער ווינער רב פרעגט צו מ'קען איבער צייגען אז מ'האָט גענומען דער צלע י"ב וי"ג אנדערש ווי דער חת"ס האָט גע'פסק'נט, קומט אבריעף פון א רב זאג זאָגט וואָס מ'האָט צו טוהן מ'קען נישט אוועק מאכען דער תשובה פון חת"ס, און נאָך דעם זאג איך עדות, בתורת עדות אם לא יגיד אין נאמען פון רבי'ן זי"ע אז איך האָב געפרעגט דער רבי'ן מיט 25 יאָר צוריק אָדער 30 יאָר, ווי אַזוי איך זאל מיך נוהג זיין האָט דער רבי מיר געהייסען טוהן אַזוי ווי אונזערע גדולים האָבען געטוהן אין גאנץ עסטרייך אונגארען וכו', מ'זאל נישט משנה זיין גאָרנישט,[צה] יעצט ווער קען זיך נעמען דער העזה און וועלען משנה זיין, מ'זאל אנדערש טוהן ווי דער רבי זי"ע האָט געהייסען[צו], פון דעסטוועגן אויב רוב רבנים וועלען מסכים זיין משנה צו זיין שליס איך מיך איין צו דער רוב רבנים נאר איך ווייס אז דער רבי האָט מיר געגעכען כמעט א פקידה אז איך זאל אַזוי טוהן[צז].

**ווינער רב** - און ער פארשטייט נישט פאַרוואָס מ'באהאנדעלט וועגן דער צלע י"ב אויב עס איז דאָ מתירים, אויב מ'וויל מתקן זיין דער מאנטאווועדיע רב זאָגט אז א מנקר מוז נעמען סמיכה ביי רבנים, תבא עליו ברכה, דאָס דארפען מיר טוהן, ווי איז א בוטשער סטאר אן א השגחה איז דאָס פלייש אסור ווייל אפשר בלייבט א כשעורה[צח] איך האָב געזאָגט פאר אהרן וויינשטאק אז ער מוז אַראָפּ נעמען די גאַנצער חֵלב אז קיין חֵלב טאָר נישט אַרויס גיין פון אים, ער האָט געזאָגט אַז ער איז מקבל, חֵלב וועט ער אַראָפּ נעמען.

**סיגעטער רב** - איך בין געווען מיט ווינער רב צוזאַמען מיט נאָך רבנים ביי וויינשטאק און דער ווייל האָבען מיר געמאַכט אַזויפיל תיקון וואָס ער האָט זיך אונטער גענומען, אויף 4 וואכען (ווינער רב זאָגט 6 וואכען) וועט נישט זיין קיין חֵלב[צט], איך האָב געפרעגט אהרן וויינשטאק קען אַזוינס זיין? ער זאָגט אז עס קען זיין אז דאָס פלייש איז ווארעם ווען מ'שניידט מאַכט זיך אַמאָל דער גוי זאָגט מען אן ער שניידט פון דער צלע י"ג אן, מאַכט זיך אַמאָל[ק] אז דער גוי שניידט נישט גוט, קומט דאָס אַריין צו א בוטשער וואָס איז נישט קיין בקי, קען זיך טאַקע אַזוינס זיין[קא] דער ווייל האָבען מיר ביי עם ערליידיקט און דאָס איז א שווערע זאַך[קב] ווייל עס קומט אַריין פאר טאגס מ'מוז האָבען ספעציעל א מענטש, ממילא נעמט ער זיך אונטער אויף 4 אָדער 6 וואכען אז עס וועט נישט קענען צו קומען צו א קצב א חלק פון די אחוריים, נאָך דעם פרעגט איינער דער רב וז"ל פאַרוואָס קען מען אויף מער צייט נישט פועל'ן וואָס עפּעס 6 וואכען און דער רב זאָגט וז"ל איך זאג דאך אייך וואָס איז געווען... גוט גוט...[קג]

**לאָז** מיך אייך עפּעס זאָגען איך בין זיכער אז די אַלע זאכען זענען אונטער געשטעלטע זאכען, עס איז זיכער שקרים[קד] מ'קויפט נישט קיין טענדערלוין, ווער קויפט א טענדערליין[קה]. היינט קען איך אַזוי גוט דעם פרשה פון חֵלב[קו]. עס איז געווען ממש במזיד אַריין צו דרייען אויף אונז א בלבול, אַזוי ווי אַמאָל איז געווען איין עלילת דם איז יעצט אַן עלילת חֵלב[קז]. [פאפּע רב איז יעצט אַריין געקומען צו אסיפה] און דער רב זאָגט פאר פאפּע רב וז"ל עס איז דאָ שאלות להלכה וואָס מ'זאָל טוהן, בכלל ביי די צלע י"ב איז געווען פלעצער ווי מ'האָט דאָס יאָ גענוצט און עס איז געווען פלעצער ווי מ'האָט דאָס נישט גענוצט במילא איז אַ שאלה[קח].

---

**צג)** אויב איר זענט מודה דארפט איר דאך הייסען אז דער ווייל זאל מען נישט עסען קיין פלייש און נישט אז עס איז נישט דאָ קיין יסוד לערעורים הללו.

**צד)** נאָך אַמאָל איז ער מודה על האמת, אָבער וואָס זאָגען די רבנים? יאכלו ענוים וישבעו.

**צה)** אוודאי זאָל מען נישט משנה זיין, אָבער מ'האָט ליידער יאָ משנה געווען און עס איז ליידער דאָ חֵלב, פאַרגעס פון די צלעות, אָבער חֵלב ממש איז דאָ, אַזוי ווי די רבנים אַליין זענען מודה.

**צו)** דאָס איז טאַקע אַ שאלה, ווער האָט משנה געווען?

**צז)** און איר האָט ליידער עובר געווען אויף דער פקודה.

**צח)** ווינער רב איז נאָר מודה במקצת.

**צט)** און וואָס וועט זיין נאָך די 4 אָדער 6 וואָכען?. און בכלל, אַזוי באַהאַנדעלט מען אַזאַ האַרבען ענין? דאָס איז קיין מאָל נישט געווען דער דרך ביי די גדולים אַזוי ביז אַמעריקא, ווייל אין אַמעריקא טאָר מען נישט שטערען קיין ביזנעס, ווייל מ'קען עם חלילה עפּעס מפסיד זיין.

**ק)** עס איז באמת מער ווי א מאָל.

**קא)** עס איז דאָ אַ בוטשער וואָס איז יאָ אַ בקי?

**קב)** אַ שווערע זאַך מוז דער רב המכשיר נישט ערלעדיגען?

**קג)** אַזוי ווי איינער זאָגט, זיי צופרידען מיט דעם, וואָס טוסטו אַז ער איז גאָרנישט מסכים.

**קד)** אַלע רבנים זענען מודה אַז עס איז דאָ חֵלב.

**קה)** יעדער ווייסט אַז עס ווערט פאַרקויפט טענדערליין.

**קו)** סיגעטער רב רעדט אַרום דער ענין פון די צלעות, דאָס איז אָבער נישט די פּראָבלעם, די פּראָבלעם איז, אַז עס איז דאָ אחוריים אין גרויסען און מיט חֵלב און אפילו אַמאָל דער טרייפענע קאָלנער קומט אַריין, וואָס די הלכה איז אַז עס העלפט אפילו נישט קיין ניקור.

**קז)** עלילה אהין עלילה אהער, עס איז אָבער דאָ חֵלב.

**קח)** דער רב רעדט אַלע מאָל פון די צלעות. פאַרוואָס






**פאפּע רב** - אַזוי ווי מ'נוצט נישט קיין פלייש מיט א סירכה האטש אז עס איז כשר וכו', דער רב זאָגט פאר פאפּע רב הלואי וויפעל סירכות מ'נוצט, מ'הט אַראָפּ גענעמען סירכות, דאָס איז גלאט פון דעסט וועגן ניצט מען סירכות, מ'קען נישט זאָגען אז מ'ניצט נישט קיין סירכות, פאר דער עולם קען מען זאָגען אז מ'נוצט נישט קיין סירכות, דעמאלץ קענט איר נישט האָבען קיין פלייש צו פארקויפען. אויף דעם זאָגט דער נירבאטור רב וז"ל חלילה אז מ'זאל ניצען סירכות חס וחלילה, קיין מאָל אויף דער וועלט, סירכות נעמט מען נישט אַראָפּ, ח"ו נעמט מען דאָס נישט אַראָפּ[קט].

**סיגעטער רב** - עס איז פארשפרייט אין די גאַנצע וועלט אַשם אז מ'עסט דאָ ממש חֵלב אחוריים[קי] דער רב ליינט פאר א בריעף וואָס קאַשויער רב'ס איידעם שרייבט פאר רב מלאכי עטליכע חדשים צוריק אז עס איז דאָ חֵלב און אז ער האָט גערעדט מיט עטליכע רבנים, זאָגט דער רב אז ער ווייסט נישט מיט וועליכע רבנים האָט ער גערעדט, ווען ער וואָלט געזאָגט פאר רבנים וואָלט די רבנים געטוהן[קיא].

**ווינער** רב - דער ווינער רב ברענגט א ראי' פון א מעשה אין באַרדיטשוב אז מ'דארף נישט גלייבען דעם קאַשויער רב ווייל ער האָט געשוויגען די גאַנצע צייט און נישט געזאָגט אז עס איז דאָ חֵלב[קיב]. ווינער רב ברענגט פון אמרי אש וז"ל אין אמת אַריין א פלא פון א מורה הוראה וואָס ער האָט געלאסט יודען דריי וואכען עסען טריפות[קיג].

**סיגעטער רב** - עס איז נישט קיין ספק אז זיי האָבען געפלאנט 6 חדשים צו קומען מיט אַזאַ מין זאַך אז מ'עסט חֵלב דאורייתא און אחוריים[קיד].

**פּאָפּע רב** - אל תזכור לנו עוונות הראשונות, מה דהוי הוי לאָמיר יעצט דן זיין אז עס זאל זיין מכאן ולהבא, די אַלע עבירות לאָמיר שטעלען אויף א זייט.

**סיגעטער רב** - מ'האָט דאך געטוהן ביז יעצט[קטו]. יענער אסיפה האָט מען געמאַכט מתקן צו זיין[קטז]. - צום ענין איז אַזוי[קיז] איך זאג אייך וואָס מ'וואָלט געדארפט דאָ קודם דאָס וואָס מ'האָט פריער פארגעשלאגען אז עס איז דאָ דאהי בוטשערס וואָס האָבען נישט און זיי וויסען נישט שריפטלעך האָבען זיי זיכער נישט אז זיי קענען[קיח]. פון היינט מאָל אן ווער איז עוסק אין פלייש מוז ער האָבען א השגחה, און עס איז נישט גענוג א השגחה נאר מ'זאל זעהן אז די בוטשערס זאלען קענען, אויסער דעם וואָס ער האָט א השגחה[קיט]. מ'וואָלט געדארפט אויפשטעלען א פאר רבנים וואָס זאלען אַליין קענען ניקורן[קכ].

**פּאָפּע רב** - מ'זאל ממנה זיין רבנים זאלען זיך אַריין לייגען בראשם וברובם אין הלכות חֵלב און ווען די רבנים וועלען זיין בקי אין די אַלע הלכות בפרטי' ודיקדוקי', נאָך דעם למען השקט הרעש זאל מען צוזאם קומען מיט די א"י דיקע וואָס האָבען געמאַכט דעם שם רע מ'זאל זיי ווייזען אז דער שם רע איז נישט אמת.

**סיגעטער רב** - איך האלט אז דער רעש איז שוין נשתק געווארען דאָס ווייסט יעדער איינער אז דאָס איז געווען איין עלילת חֵלב.

**פּאָפּער** רב - דער קאַשויער רב שרייט נאָך אלץ אז עס איז דאָ חֵלב[קכא].

---

רעדט ער נישט וועגן דער אחוריים און חֵלב בכלל?

**קט)** די רבנים ווייסען נישט וואָס טוהט זיך ביי דער שחיטה.

**קי)** דער רב איז נישט דן וועגן חֵלב, נאָר וועגן דעם שם רע.

**קיא)** דאָס איז אמת אַז ער האָט גערעדט מיט רבנים און ער האָט פּראָבירט שטילערהייט מתקן צו זיין נאָר די רבנים האָבען זיך נישט וויסענדיג געמאַכט, און עטליכע חדשים צוריק איז אַרויס געקומען אַ מודעה פון די התאחדות הרבנים און זיי האָבען דאָס געשיקט צו אַלע בוטשער סטאָר'ס, אַז יש הזנחה רבה בניקור ויש חסרון ידיעה בניקור וכו'.

**קיב)** קודם כל ער האָט נישט געשוויגען, נאָר די רבנים האָבען זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. צווייטענס, עס איז דאָ נאָך אַסאַך יודען און מנקרים וואָס זאָגען אויך אַז עס איז דאָ חֵלב אַזוי ווי דאָ ביי דעם אסיפה אַליין זענען די רבנים מודה, אַז עס איז דאָ חֵלב.

**קיג)** פאַרוואָס לאָזען די רבנים צו, אַז אידען זאָלען עסען חֵלב.

**קיד)** דער רב רעדט וועגן זיינע ענינים און כבוד.

**קטו)** וואָס האָט מען געטוהן??? גאָרנישט!

**קטז)** אַזוי ווי די יעצטיגע אסיפה.

**קיז)** יעצט רעדט טאַקע דער רב צום זאַך, און מ'זאָל מדקדק זיין אין זיינע ווערטער.

**קיח)** דאָ איז דער רב מודה על האמת, איז וויאַזוי קען מען לאָזען כלל ישראל עסען חֵלב דאורייתא ודרבנן. איר זענט דאָך אַליין מודה, און פאַרוואָס ווילט איר איינשלינגען דעם קאַשויער רב?

**קיט)** דער רב ווייסט דעם אמת, אַז די השגחות זענען כמעט גאָרנישט ווערט, נאָר דער בעל הבית אַליין דאַרף קענען.

**קכ)** ווייל ביז יעצט האָט קיין שום רב נישט געוואוסט בכלל וועגן ניקור, ממילא האָבען די בוטשערס זיכער נישט געוואוסט.

**קכא)** פּאָפּער רב פרעגט צו דער זאַך.